א ליכטיגן תמיד
אודיס
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'לעכטיגע גוט מארגן – אשב"ש' שמועסן
יום א' פרשת וישב תשפ"ב (1-1-6-2-49)

# לֵךְ נָא רְאֵה אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ (לז יד)

## זען די מעלות פון אידן ברענגט שלום אויף די וועלט

לך נא ראה את שלום אחיך ואת שלום הצאן והשיבני דבר. הנ"ל לרמז בזה עד כמה האדם צריך לשמור את עצמו לבל ישים עוול ודבה על חבירו רק יסתכל במעלת חבירו ויעלים עינו מחסרונו. וז"ש (בתהלים ל"ד). מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב. פי' יסתכל רק הטוב אשר בחבירו. נצור לשונך מרע. סור מרע ועשה טוב. כי כאשר האדם מוציא דבה על חבירו אזי הוא גורם רעה לעצמו להיות נופל ח"ו ברשת היצר. כמו שמצינו גם כן במלאכים שקטרגו בשעת בריאת עולם מה אנוש כי תזכרנו. אף שהיו אז במעלה גדולה מאד אח"כ נפלו למטה כמ"ש ויראו את בנות האדם וגו'. גם בירבעם שהוכיח לשלמה המלך אי' במדרש רבה שהשיבו לו הוא נכשל באחת ואתה בכמה. והענין הוא כי מלחמת היצר רבה היא מאד ולולי הקדוש ברוך הוא עזרו לא היה יכול לו. לכן אם האדם מספר בגנות חבירו ודימה בנפשו ובלבבו ירים כי הוא בטוח להנצל מפיתוי היצר. לכן הקדוש ברוך הוא מסיר ממנו העזר ונופל ברשת ח"ו. לכן כאשר תסור מלהסתכל ברע של חבירך אז תוכל לעשות טוב. וזה הרמז ג"כ כאן שאמר יעקב אבינו ליוסף לך נא ראה את שלום אחיך. פי' השלימות והטוב אשר באחיך תראה ולא תביט בחסרונם. ואת שלום הצא"ן רמז ליחוד הויה אדנ"י בגימ' צ"א. נו"ן רמז לנ' שערי בינה. והשיבני דבר. לשון תשובה. תחזור בתשובה על אשר פגמת שהבאת דבתם רעה. אך טוב תראה בבנ"י תמיד (תפארת שלמה)

### זען נאר די מעלות פון אידן

עס שטייט אין די וואכנדיגע סדרה, יעקב אבינו ע"ה האט געזאגט פאר יוסף הצדיק: 'לך נא ראה', גיי איך בעט דיך זען, 'את שלום אחיך', וואס דיינע ברודער מאכן. שטייט פונעם הייליגן רבי רבי בונם פון פרשיסחא זצ"ל, יעקב אבינו האט געזאגט פאר יוסף הצדיק, זאלסט זיך שטענדיג משתדל זיין, נאר צו זען די שלימות פון דיינע ברודערס, נישט קיין חסרונות, און אזוי וועט נישט זיין קיין שנאה און קיין מחלוקת.

יוסף הצדיק מיט די ברודערס, די שבטים הק', האבן דאך געהאט סכסוכים, האט אים יעקב אבינו געגעבן

א מורא'דיגע עצה, פון היינט און ווייטער, 'לך נא ראה' גיי און קוק, 'את שלום אחיך', די שלימות פון דיינע ברודער.

מען קען צולייגן צו דעם. 'שלום' איז אויך א לשון פון לעבן בשלום. לך נא ראה, גיי קוק, 'את שלום אחיך', א מהלך וויאזוי דו קענסט מאכן שלום מיט דיינע ברודער, אן אופן וויאזוי מען קען זיך קריגן איז שוין דא, עס שוין דא די מהלך, עס טוט זיך דאך עפעס... יעקב אבינו האט אים געזאגט, אז מען זוכט שלום, וועסטו עס טרעפן.

וויאזוי טרעפט מען עס? 'שלום' איז אויך א לשון פון 'שלימות' ווי דער הייליגער רבי רבי בונם זאגט, קוק זייער שלימות און מעלות, יעדער איד האט אזויפיל מעלות און גוטע זאכן אין זיך. איי ער טשעפעט מיט דיר? טראכט אז ער מיינט לשם שמים, טראכט ער איז זיך עפעס טועה, מען דארף זיך מיט אים אויסשמועסן. טראכט אז זיכער מיינט ער לטוב ולברכה. זע די פאזיטיוו, זוך די פאזיטיוו. דאס איז די ענין פון דן זיין א מענטש לכף זכות, וועסטו עס טרעפן, און דאס וועט מרבה זיין שלום בעולם.

## מקדים זיין בשלום כל אדם ברענגט ישועות

מען זעט אין די וואכענדיגע סדרה א מורא'דיגע זאך, אין די כללים פון בין אדם לחבירו. יוסף הצדיק זיצט אין תפיסה, און ער זיצט דארטן מיט די שר המשקים און די שר האופים, און יוסף הצדיק זאגט פאר דער שר המשקים און דער שר האופים פיר ווערטער, און די פיר ווערטער האט געברענגט זיין ישועה, און די ישועה פון כלל ישראל. וועלכע ווערטער האט יוסף הצדיק געזאגט, פיר ווערטער וואס האט גורם געווען און געברענגט די ישועה פארן כלל ישראל?

יוסף הצדיק האט געפרעגט פון דעם שר המשקים און שר האופים, פון די גוים, די מצריים, 'מדוע פניכם רעים היום', פארוואס זעען ענק אויס שלעכט היינט? וואס באדערט ענק? וואס שטערט ענק? אזויווי ער האט געזאגט די ווערטער, ער האט נישט געוואוסט פון זייערע חלומות, ער האט נישט געוואוסט וואס דאס גייט אלס ברענגן, אבער דו ווייסט וואס דאס האט געברענגט? עס האט געברענגט זיין ישועה! מען האט אים ארויסגענומען פון תפיסה, עס האט געברענגט זיין ישועה אז ער איז געווארן משנה למלך, און ער האט חתונה געהאט מיט אסנת, און ער האט אויפגעשטעלט צוויי שבטים, און יעקב אבינו מיט די שבטים זענען אריינגעקומען אויף מצרים, און דארט האט ער אויסגעבעט א מהלך וויאזוי אידישע קינדער זאלן קענען דורכמאכן דעם שווערן גלות, בקדושה ובטהרה, וואס דאס אלעס איז געווען דאס געבוי פון כלל ישראל, און הכנה צו קבלת התורה.

אין די משנה שטייט (אבות פ"ד) 'הוי מקדים בשלום כל אדם' זאגט דער תפארת ישראל, ווער איז 'כל אדם'?

אפילו להבדיל א גוי, און א איד וואס איז נישט אזוי מכובד ווי דיר, און ער זעט דיר נישט אויס ווי ער איז שוה בשוה און דיין גלייכן, אויף יעדער איד שטייט 'הוי מקדים בשלום כל אדם'! דאס ברענגט ישועות ביים כלל ישראל, פאר זיך און פארן גאנצע כלל ישראל!

### עס וועט דאס יאר אויך זיין פרנסה

איינמאל חנוכה צייט, איז דער הייליגער אפטער רב ארויסגעגאנגען אויף די גאס, און ער קוקט אהער און ער קוקט אהין, און ער איז מורא'דיג אנגעצויגן, ער גייט נאכאמאל ארויס, און קוקט אהער און קוקט אהין, און קוקט אזוי אויף די לבנה, און קומט צוריק אריין מורא'דיג בשמחה. האבן די חסידים געפרעגט: רבי, וואס איז געווען די ערשטע מאל א פארזויערטע צורה, און די צווייטע מאל א פרייליכע צורה?

האט ער געענטפערט, אז ווען ער איז געווען אינדרויסן, האט ער געזען, אז די גאנצע פרנסה וואס איז געווען אנגעשריבן ביז ראש השנה, איז שוין אויסגעגאנגען, און מען האלט יעצט חנוכה. ביז די קומענדיגע ראש השנה איז דאך דא נאך אזויפיל חדשים, רבוש"ע, פון וואו וועלן אידן האבן פרנסה? ער איז געווארן זייער בצער, ער האט מחליט געווען ער גייט נאכאמאל קוקן, ער איז ארויסגעגאנגען, האט ער געזען, אז ער האט גוט געזען. אבער וואס ער האט זיך געכאפט איז, אז פאראיאר חודש כסליו, האט ער דאך געזען די זעלבע זאך, און ברוך השם, דער הייליגער באשעפער ברוב רחמיו וחסדיו, האט געמאכט זיכער, אז די עולם האט געהאט פרנסה ביז היי יאר ראש השנה, און אז דער הייליגער באשעפער האט אזוי געמאכט פאראיאר, וועט היי איאר אויך אזוי זיין, מען דארף נאר לעבן מיט אמונה און בטחון און שמחה.

### דער הייליגער באשעפער וואס האט געהאלפן ביז יעצט וועט ווייטער העלפן

עס איז דא אין די גוי'אישע וועלט, מען זאגט נייעס, געלט ארויף געלט אראפ, פרעזידענט, גאווערנערס, גזירות, תקנות... כלל ישראל פון בריאת העולם גייט אן, אונז וועל מיר ווייטער אנגיין! און אזוי דארף יעדער איד טראכטן אויף יעדע זאך אין זיין לעבן, אז דער הייליגער באשעפער גיבט לעבן, גיבט געזונט, גיבט קינדער, גיבט שידוכים, דער הייליגער באשעפער גיבט פרנסה, גיבט הרחבת הדעת, אלעס, אונז דארף מיר נאר גליבן, זיך קאכן אין אמונה, קאכן אין אמונה שלום בטחון און שמחה, נאכאמאל מזמור לתודה און נאכאמאל מזמור לתודה, זיך קאכן אין די רואיגקייט.

### 'פנים מאירות' האט צוגעשטעלט א רואיגע חתונה

ווי א איד האט פארציילט, ער האט א חבר א פנים מאירות איד, וואס ער לעבט זיך אין פנים מאירות ב"ה, אמונה שלום בטחון ושמחה. דער חבר זיינער קומט צי צו אים איין טאג, און זאגט אים, ער האט עס דורכגעשמועסט מיט

זיין בני בית, זיי האלטן פאר א חתונה, און עס איז שוין ממש די וואך פון די חתונה, און קיינער איז נאכנישט געווארן נערוועז און אנגעצויגן, אלעס קלאפט, אלעס ארבעט זיך אויס מיט א פנים מאירות, מיט א מורא'דיגע יישוב הדעת, מיט א רואיגקייט, מיט א מורא'דיגע פרייליכקייט.

קומט ער פרעגן פון זיין חבר: "זאג נאר, איך בין נארמאל, אדער עפעס טויג נישט מיט מיר, עפעס פארפאס איך דא?!"... ער מאכט חתונה א קינד, ער איז נאכנישט געווארן אויפגערעגט, ער איז נאכנישט אריין אין אנעקזייעטי, ער איז נאכנישט געווארן פארפרעשערט, ער איז נאכנישט געווארן אנגעצויגן, און דער הייליגער באשעפער שיקט אים אונטער, אלעס קלאפט, ער האט א דירה, אלעס איז מסודר...

אז מען לעבט מיט פנים מאירות, מאכט מען א חתונה און עס דאכט זיך אז מען גייט צו א חנוכה מסיבה...

## הדרכה צום חנוכה מסיבה

מען הייבט זיך שוין אן גרייטן צו די חנוכה מסיבות, דארף מען זיך אויך אבער מור'אדיג צוגרייטן, קיינעם נישט וויי טון, אן קיין פרעשער, אן קיין עול, אן קיין פחדים פון מענטשן. ווייל פנים מאירות אידן זעען נאר יעדעמס מעלות, און יעדעמס גוטס, און זיי גלייבן אז יעדער וויל נאר טון גוט, און ממילא האבן זיי נישט מורא פון חנוכה מסיבות. עס וועט זיין שיין, הערליך און לעכטיג.

איי יענער טשעפעט מיר? יענער טשעפעט מיינע קינדער? קוקט אויף אידישע קינדער גוט, כולם אהובים כולם ברורים, כולם כולם גבורים, כולם קדושים, וכולם עושים באימה וביראה רצון קונם. גיי צו מיט א רואיגע אטמאספער און מיט א פנים מיארות, מיט פאזיטיווע מחשבות, מיט שמייכלן, מיט א כח פון קענען סובל זיין יעדע מצב, אוי וועט מען האבן א געשמאקע חנוכה! אלעס וועט זיך אויסארבעטן, לעב נישט און פלאנטער נישט אין די פראבלעמען, לעב און פלאנטער אין די עצות, אין די רואיגקייט, אין זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, און דער הייליגער באשעפער פירט עס, ארבעט זיך אלעס אויס אויף א מורא'דיגן אופן, מען דארף פון גארנישט מורא האבן.

די וואך איז די הכנה צו חנוכה, די וואך איז דא גרויסע יום הצלות, גרויסע יארצייטן, עס איז א לעכטיגע וואך, א פרייליכע וואך, א געזונטער וואך, אונז דארף מיר אויסניצן די אלע יומא דפגרא'ס ארייצוברענגען אין זיך און בוחר זיין די 'ואתם הדבקים בה' אלקיכם' וויאזוי? 'חיים כולכם היום', מיט א חיות, מיט א פרישקייט, מיט א לעבעדיגקייט, 'ובחרת בחיים', איך בין בשמחה און איך מאך יעדעם ארום מיר בשמחה, וועט דער הייליגער באשעפער העלפן, אונז וועלן קענען שטענדיג מקיים זיין די 'עבדו את השם בשמחה'. זאל מען פועל'ן אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## מעשה בחסיד אחד

# "אזויווי ער האט געעפנט די פעקל געלט, האט ער געזען, אז די מטביעות האבן א מורא'דיגע לעכטיגקייט, עס שיינט עס בלאטשקעט"...

עס איז געווען א איד אין די שטאט וויטעפסק, אנפאנג ווען דער בעל התניא זי"ע האט אנגעפאנגן פראווענען רבי'סטיווע, ער האט געהייסן ר' גבריאל. דער איד איז געווארן א חסיד פונעם הייליגן בעל התניא, און זיין טאטע און זיינע ברודער, און זיין משפחה, האבן אים געפערליך גע'רודפ'ט פארן ווערן א חסיד, און זיי האבן פראבירט מיט אלע כוחות צו צעברעכן זיין לעבן, ברוחניות ובגשמיות ה"י.

דער ר' גבריאל האט זיך בכלל נישט וואוסנדיג געמאכט, ער האט נישט צוריקגע'רודפ'ט, ער האט נישט געהאט קיין שנאה, ער האט גארנישט צוריקגעטון. ער האט פשוט זיך מדבק געווען אינעם הייליגן בעל התניא, און געפארן צום רבי'ן, און געטון די עבודת הבורא, אזויווי ער איז מקבל ביים הייליגן בעל התניא.

דער ר' גבריאל, איז געווען גאר אן ערליכער איד, ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט, אפילו פארן בעל התניא, אויף זיין משפחה, און אויף זיין פרנסה וואס זיין משפחה לייגט אים קאליע. ער פלעגט געבן געלט פארן רבי'ן פאר מעמדות, פאר די תושבי ארץ ישראל, פאר פדיון שבויים, פאר אלע זאכן וואס דער רבי האט צאמגענומען געלט, ער האט קיינמאל נישט פארציילט פארן רבי'ן אז זיין משפחה ברענגט אים



אונטער די פרנסה, זיי טוען פאר אים אלע זאכן ער זאל פארלירן זיין געלט.

נאך א פראבלעם האט געהאט דער ר' גבריאל. עס איז שוין פינף און צוואנציג יאר נאך זייער חתונה, און ער האט נאכנישט קיין קינדער, און ער האט דאס אויך נישט דערציילט פארן רבי'ן. ווען ער איז געקומען צום רבי'ן, איז ער געווען אזוי דבוק אינעם בורא כל עולמים, אין עבודת ה', אין עבודת החסידות, ער האט נישט געטראכט פון זיך, אינגאנצן נישט.

אבער דער הייליגער באשעפער, דער מסבב כל הסיבות, האט צוגעברענגט, אז עס

איז געקומען א מצב, אז ר' גבריאל האט געהאט א גרויסע ישועה מיט בני חיי ומזוני רוויחי.

וואס איז געווען די מעשה?

איינמאל איז אונטערגעקומען צום הייליגן בעל התניא א גרויסע מצוה פון פדיון שבויים, און דער בעל התניא האט אפגעשאצט דעם ר' גבריאל, זאל אים געבן א גרויסן סכום פון געלט פאר די מצוה. ר' גבריאל האט גארנישט געענטפערט, ער איז אהיימגעגאנגען, ער האט פארציילט פארן ווייב, אז דער רבי האט אים אפגעשאצט, אז ער קען געבן אזא גרויסן סכום. און די ווייב זעט, אז ער איז נישט אזוי פרייליך. זי האט דאך אבער געוואוסט, אז וואס דער רבי זאגט, און וואס מען קען העלפן דעם רבי'ן, איז איר מאן אזוי בשמחה, און דא זעט זי, אז פלוצלונג, ער זאגט עס עפעס נישט מיט אזא פרייליכקייט. האט זי געפרעגט: "מיין טייערע מאן ר' גבריאל, וואס איז געשען דא? געווענדליך ווען דו פארציילסט עפעס פונעם רבי'ן, זאגסטו עס מיט אזא שמחה?!".

האט ער פארציילט, אז ער האט אזעלכע רדיפות פון זיין משפחה, אז ער האלט אויף א מצב, וואו ער קען נישט געבן די געלט, ער האט עס נישט, די פרנסה גייט אים אזוי שוואך, אז ער קען בשום אופן נישט געבן די סכום!".

האט אים די ווייב געפרעגט, מיט איר תמימות, מורא'דיגע ווערטער: "וויפיל מאל האסטו מיר איבערגעזאגט, אז דער רבי זאגט שטענדיג אין די תורות, אז מען דארף גלייבן און זיין פארזיכערט אינעם אייבערשטן, און מען דארף זיין בשמחה... דו זאגסט אז דער רבי זאגט דאס שטענדיג אין די תורות, וואו קען זיין אז דו זאלסט יעצט זיין אין צער?! פארזיכער זיך אינעם אייבערשטן, אז דער רבי האט דיר געזאגט א סכום, וועסטו עס קענען געבן, און משמח זיין דעם רבי'ן, און טון די מצוה! לאמיר ווייטער גיין מיט אונזער אמונה, מיט אנזער בטחון, מיט אונזער שמחה!".

ר' גבריאל האט עס אנגענומען.

זיין ווייב איז געגאנגען, און זי האט פארקופט א פערל שטיין וואס זי האט געהאט פון אירע תכשוטים, און זי האט געברענגט די געלט, און זי האט געזאגט פאר איר מאן: "איך האב שוין די געלט! דא איז עס איינגעפאקט, די גאנצע סכום וואס דער רבי האט געבעטן! גיי אויף ליאזנע, גיב עס איבער פארן רבי'ן!".

האט ר' גבריאל געענטפערט, אז געווענדליך ווען דער רבי טיילט איין סכומים, וויפיל צו גיבן, שפעטער שיקט ער נאך שלוחים, זאלן קומען צאמנעמען די געלט. ער וועט ווארטן אויף די שליח זאל אנקומען.

ביז דערווייל, ווילאנג ער ווארט אז די שלוחים זאלן אנקומען, זענען זיינע בני משפחה געגאנגען, מען האט אים פאר'מסר'ט פאר די רעגירונג און גורם געווען מורא'דיגע שאדן. האט דער חסיד ר' גבריאל מורא געהאט, טאמער ער וועט נישט קענען עומד זיין בנסיון, און ער וועט דארפן האבן די געלט פאר די פרנסה, צו פאר די לויערס, אדער אויף וואס עס זאל זיין, ווייל ער זעט אז די מצב הפרנסה האלט שוין ממש אט אט... ער האט זיך נישט געטראסט צו האלטן די געלט אינדערהיים, ער האט גענומען די פעקל געלט, און געגאנגען קיין ליאזנע.

ער קומט אריין צום רבי'ן דער בעל התניא, און ער זאגט: "רבי, די מצב איז זייער זייער נישט גוט יעצט אין פרנסה און איך האב געהאט דעם סכום אנגעגרייט פארן רבי'ן, איך האב מורא געהאט עס זאל נישט געשען

קיין אומגליק און איך וועל נישט קענען עומד בנסיון זיין און איך וועל נישט קענען ברענגען די געלט, בין איך שנעל געקומען עס ברענגען, איך ווארט נישט אויפן שליח!". און ער האט אראפגעלייגט די געלט פארן הייליגן בעל התניא.

דער הייליגער בעל התניא האט אים געזאגט ער זאל עפענען דאס פעקל, און אזויווי ער האט געעפנט די פעקל געלט, האט ער געזען, אז די מטביעות האבן א מורא'דיגע לעכטיגקייט, עס שיינט עס בלאטשקעט, עס האט אויסגעקוקט ווי ממש, מען האט עס יעצט ארויסגעברענגט פון די מאשין וואס האט געגאסן די געלטער. רבי גבריאל האט נישט געהאט קיין אנונג פון וואו זיין ווייב האט גענומען די געלטער.

דער הייליגער בעל התניא האט זיך אזוי אנגעלאנט זיין קאפ אויפן האנט פאר א שטיק צייט, און נאכדעם האט ער געזאגט:

ביי די תרומה וואס כלל ישראל האט אפגעשיידט צו געבן פאר די משכן, זהב כסף ונחושת, קיין איין זאך האט נישט געבלאטשקעט, נאר די שפיגלען וואס די פרויען האבן געברענגט, די מראות הצובאות, און פון דעם האט מען געמאכט די כיור און די כנו, צום סוף פון אלע כלי המשכן מאכט מען די כנור און די כנו, אבער מען באניצט זיך דערפון אנפאנג, ווען מען קומט אריין אין בית המקדש, קען מען גארנישט טון פאר מען טוט זיך אפוואשן פון די כיור, עס איז געווען א בחינה פון 'נעוץ תחילתו בסופו'. פרעגט אים דער בעל התניא: "פון וואו האסטו די געלט?!".

האט ער פארציילט: עס איז שוין איבער צען יאר וואס זיין טאטע און זיינע ברודער און די בני משפחה רודפ'ן אים, זיי לייגן אים צוגרינד זיין פרנסה, ער האט זיך קיינמאל נישט וואוסדיג געמאכט, און ממילא ווען ער האט איז אהיימגעקומען פארציילן פאר זיין ווייב וויפיל דער רבי האט אים געבעטן ער זאל אים ברענגן פאר פדיון שבויים, און ער האט געזאגט פארן ווייב אז ער האט נישט, איז געגאנגען די ווייב און זי האט פארקויפט די פערל שטיינער פון אירע תכשוטים, זי האט אים אפילו נישט פארציילט און נישט געפרעגט, זי האט עס געטון על דעת עצמה, און זי האט אים געברענגט די פעקל געלט. און רבי! איך האב נישט געוואלט ווארטן ביז די שליח קומט, ווייל איך האב געזען אז די מצב איז זייער איבערגעשטערענגט, איך האב מורא געהאט אז די געלט זאל נישט פארלוירן ווערן!...

דער הייליגער בעל התניא האט זיך נאכאמאל אנגעלאנדט די קאפ אויף די האנט מיט א מורא'דיגע דביקות. נאכדעם האט ער געזאגט די ווערטער: עס שטייט אין די גמרא סנהדרין צה. 'בת דינא בטל דינא', זאגט רש"י, ווען א דין האט גענעכטיגט, עס איז אדורך געגאנגען, ווערט די קריגעריי אויס. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, ער זאל געבן פאר דיר צוזאמען מיט דיין ווייב בנים ובנות, אריכת ימים, דורי דורות, און דער הייליגער באשעפער זאל דיר געבן הצלחה אין אלעם וואס דו וועסט טון, עושר ונשיאות חן בעיני כל רואיך, שפאר צו דאס געשעפט, און הייב אן האנדלן מיט פערל שטיינער, דימאנטן שטיינער. אזוי האט אים געוואונטשן דער הייליגער בעל התניא.

זייער פרייליך איז דער ר' גבריאל אנגעקומען אהיים, און ער האט פארציילט פארן ווייב וואס איז געווען ביים רבי'ן, און די אלע ברכות, און ער האט איר געפרעגט: "פון וואו האסטו געהאט די בלאטשקעדיגע הערליכע ריינע געלטער?!".

האט די פרוי זיינע אים געענטפערט: "איך בין געגאנגן און גענומען די געלט, און געוואשן און געריבן ווילאנג עס האט געגלאנצט אזויווי די שטערנס אין הימל, ווייל איך האב אינזין געהאט אז דער הייליגער באשעפער זאל אויף אונז רחמנות האבן, און דער רבי זאל מתפלל זיין ביים הייליגן באשעפער, ער זאל אויפהייבן אונזער מזל, עס זאל לייכטן און שיינען!".

דער ר' גבריאל האט צוגעמאכט זיין געשעפט, ער האט אנגעפאנגען האנדלן מיט דיאמאנטן און פערל שטיינער. דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן ער האט מצליח געווען, פרוצים און שרים, שרי הממשלה, פלעגן ביי אים קומען איינקויפן, און ער איז געווארן א גרויסן עושר, און די גאנצע מסירה איז פארגעסן געווארן. נאך א יאר האט ער געבוירן דעם ערשטן קינד, און נאכדעם האט ער געהאט נאך קינדער. נאך דריי יאר איז דער רבי גבריאל געווען א גרויסער עושר, א מורא'דיגע מוצלח, נושא חן געווען, מען פלעגט אים אפילו רופן "ר' גבריאל נושא חן", אזא חן האט ער געהאט. פערציג יאר האט ער ווייטער עוסק געווען אין די דיאמאנטן געשעפטן, חתונה געמאכט זינען און טעכטער מיט חשובע אידן. און ווען ער איז געווארן עלטער האט ער איבערגעלאזט די געשעפט ביי די קינדער, ער איז געזעצן און געלערנט תורה, עוסק געווען אין צדקה וגמילת חסדים, ער האט געהאט אן אפענע הויז פאר הכנסת אורחים, און דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן, אז ער האט געהאט א געוואלדיגע הצלחה.

## ראה מעשה ונזכר...

א איד וואס טראכט נישט פון זיך, וואס ליידט רדיפות און ער טוט גארנישט צוריק, ער האט נישט קיין רוגזא, קיין עגמת נפש, ער בארעדט נישט, ער האט ניטאמאל פארן רבי'ן פארציילט די רדיפות וואס ער האט, און נאכדעם ווען עס איז געקומען אז דער רבי האט ארויפגעלייגט אזא סכום געלט, ער צוזאמען מיט די תמימות פון זיין ווייב, די אמונה בטחון און שמחה, די אויסשיינען און בלאטשקענען די געלטער און מיט דעם אינזין האבן אז זייער מזל זאל שיינען. הפלא ופלא צו זען, די תמימות און די ערליכקייט און די ריינקייט פון די פריערדיגע דורות, און אין די וועגן דארפן מיר אלע גיין, מפרסם צו זיין אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, נישט קיין רוגזא, נישט קיין כעס, נאר פרייליך נאר לעכטיג, מען קען פועל'ן ישועות מיט שמחה מיט אהבת ישראל, מען פועל'ט פאר זיך, און מען פועל'ט פאר יענעם.

**צו הערן דעם טעגליכן 'לעכטיגן גוט מארגן שיעור' רופט 'קול פנים מאירות' און דרוקט קנעפל: 111**

# מעג א בחור טוישן צו אן אנדערע דרך אין חסידות?

**א בחור האט אנגעפרעגט: ער איז געבוירן געווארן ביי עלטערן וואס באלאנגן ביי א געוויסע חסידות, ער איז נישט צופרידן פון די חסידות, ער וויל זיך גיין זוכן א צווייטער רבי, א צווייטע פלאץ וואו זיך צוצוקלעבן, אן אנדערע דרך אין לעבן. וואס זאל ער טון?**

תשובה: אין די תורה שטייט 'שמע בני מוסר אביך ואל תיטוש תורת אמך'. אין די תורה שטייט 'ושננתם לבניך', 'ולמדתם אותם את בניכם'. מיר זעען אין די תורה א מצוה אויף א טאטע, מחנך צו זיין די קינדער. אויב איז דא א מצוה אויף די עלטערן צו מחנך זיין די קינדער, איז דא א מצוה אויף די קינדער צו מקבל צו זיין פון די עלטערן. אויב א טאטע און א מאמע פירן א שטוב, און יעדעס קינד וועט זיך גיין זיין וועג, מיט זיינע ספרים וואס ער לערנט, מיט זיינע מנהגים וואס ער פירט זיך, מיט זיינע פלעצער ווי ער גייט, און זיינע השקפת החיים און השקפת התורה און חסידות, וועט א שטוב צאמפאלן.

עס קומען כסדר אריין עלטערן, וואס רעדן זיך אפ אויף דעם. נעכטן איז אריינגעקומען א טאטע און א מאמע, און זיי האבן געוויינט מיט בכיות נוראות, איינע פון די קינדער האט זיך אנגעטשעפעט אין א צווייטע פלאץ, ער איז משפיע אויף די אנדערע קינדער. דער טאטע זאגט: ווען ער נעמט ארויס א חסידיש ספר פארצולערנען שבת ביי די טיש, די קינדער הערן נישט אויס, זיי מאכן זיך נישט וואוסנדיג, זיי לאכן אים אין פנים, מען ברענגט אריין פרעמדע השקפות, אנדערע השקפות, די טאטע שפירט זיך אינדערהיים ווי א פיפטע ראד! און מען רעדט פון א שטוב וואס עס איז דא נאך קליינע קידער, בחורים און מיידלעך. מיר הערן עס כסדר פון עלטערן.

עס איז געווען די אנפאנג זמן, א טאטע האט איינגעשריבן זיין זון אין א ישיבה, ער לערנט דארטן איין זמן נאכן צווייטן. עס גייט דורך די ערשטע וואך פון זמן, די צווייטע וואך פון זמן, ער זעט נישט זיין בחור אין יענע ישיבה, און ער ווייסט אפילו נישט וואו ער איז. עס האט גענומען צוויי וואכן ביז ער איז געוואויר געווארן, אז ער איז געגאנגן אין א צווייטע ישיבה. איר ווייסט וואס פאר א יסורים דאס איז פאר א טאטע? איר ווייסט וואס פאר אן איבערקערעניש דאס מאכט אויף די וועלט? די וועלט איז אויס ווען אזוי גייט פאסירן!

יעדע בחור דארף צו וויסן: ווילאנג מען איז ביים טאטענס שטוב, נעמט מען די חינוך פון די טאטע, נעמט מען די חינוך פון די מאמע. יעדע זאך וואס מען טוט, דארף מען טון

מיט די רשות פון די טאטע-מאמע, מען דארף עס אויסשמועסן מיט די טאטע-מאמע, מען קען נישט איבערדרייען א שטוב. מען מאכט זיך חרוב, מען מאכט חרוב די עלטערן, און מען מאכט חרוב די אנדערע קינדער.

נאך די חתונה, ווען א מענטש האט שוין זיין אייגענע שטוב, קען ער טון וואס ער פארשטייט, און ער קען זיך אנטשעפענען אין וועלכער רבי ער וויל. ווילאנג ער איז אונטער זיינע עלטערן, איז עס נישט קיין תכלית החיים, און עס איז אויך נישט גוט פארן קינד. פארוואס? פאר זיין טאטע וועט עס ווי טון, פאר זיין מאמע וועט עס ווי טון, עס ווערט א רייבערייַ, עס איז זייער נישט געזונט קינדער זאלן אויסוואקסן צוריבן מיט די עלטערן.

יונגערהייט מיינט מען, אז מען איז אן אויבער-חכם, איך האב צוגעפיקסט מיין טאטע-מאמע, איך מאך מיר נישט וואוסנדיג... די גאנצע לעבן לויפט עס נאך, מען האט נישט קיין גליקליך זיס לעבן. בחורים טייערע! אונז שטיי מיר און זעען מענטשן פון ווען זיי זענען געבוירן, איך זאג אייך עדות, נאך איבער פערציג יאר פון האבן צו טון מיט העלפן מענטשן, זאג איך אייך עדות, ווען א בחור האט א גליקליכע בחור'ישע יארן, ער טוט וואס די טאטע-מאמע ווילן, ער איז זיך מכניע צו די טאטע-מאמע, צו די ישיבה - זיין לעבן איז גליקליך! עס איז דא צייט נאכדעם וואס דו וועסט חתונה האבן, צו טון די אלע זאכן וואס דו ווילסט טון, לאז עס איבער אויף שפעטער. יעצט טייערער בחור, טו עס נישט! אויב דיין טאטע לאזט נישט, איז נישט. אויב דיין טאטע לאזט, פארוואס נישט? עס ציט דיר אויף עפעס אנדערש, און דיין טאטע איז מסכים, אדרבה ואדרבה. אבער אויב ער איז נישט מסכים, נעם עס פאר א סימן מן השמים, אז נישט דאס איז דיין תכלית.

א בחור קען זיין ערליכער, פרומער, ווי די טאטע. דאס איז נישט קיין פראבלעם. טאטע'ס האבן עס ליב, נישט דאס איז די פראבלעם. ברענג נישט אריין קיין נייע מין לעבן אין דיין טאטענס שטוב, דיין טאטענס שטוב דארף געפירט ווערן אזוי ווי דיין טאטע פירט עס.

עס זענען דא עלטערן וואס עס שטערט נישט, נא, האבן זיי די נאטור, האבן זיי די שיטה, האבן זיי די השקפה, געזונטערהייט! כאטשיג איך זע גרויסע פראבלעמען פון דעם, מען וואקסט נישט אויף געהעריג, עס איז נישט קיין געהעריגע שטוב, עס איז 'איש כל הישר בעיניו יעשה', עס איז נישט גארנישט אזא געזונטע שטוב. די תורה הקדושה, די חז"ל, האבן אונז נישט אוועקגעשטעלט אזוי די סדר העולם. די סדר העולם האט דער הייליגער באשעפער מיט חז"ל און אונזערע רבי'ס אוועקגעשטעלט, ביז מען האט חתונה פאלגט מען א טאטע און א מאמע, דאס איז די סימן מן השמים אז דאס איז די רצון השם. נאך די חתונה וועסטו זיך גיין דורכרעדן מיט ערליכע אידן, און דעמאלסט זאל דער אייבערשטער דיר פירן אויף די ריכטיגע וועגן, און דעמאלסט וועסטו עס אויך טון אויף זייער א ווארימע און רואיגע וועג, אויף א וועג וואס דו וועסט קיינעם נישט ווי טון, בעזר השם ובס"ד.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

# פרקי חינוך

## שיעור ג' מיוחד למחנכים חלק ב'

### פון א מלמד וואס איז א מוסטער פון מידות וואקסן גוטע פירות

הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל האט פארציילט, אז אמאל ווען ער איז געווען אין חדר, האבן עטליכע קינדער געמאכט אן איבערקערעניש אין כיתה. ווען דער מלמד האט דאס באמערקט, איז ער ארויס פאר א ווייליע פון כתה, די קינדער האבן זיך שוין גוט צוגעגרייט, אז ווען דער מלמד וועט אריינקומען, וועט ער גוט באשטראפן די קינדער. למעשה, דער מלמד האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט פון די גאנצע זאך, ווען ער איז צוריקגעקומען אין כתה, האט ער ווייטער פארגעלערנט כאילו לא היה. ווען ער האט געענדיגט די טאג, האט ער געבעטן די קינדער זאלן בלייבן אין כתה, ער וויל רעדן צו זיי. ער האט זיי שיין אויסגע'מוסר'ט, און געפרעגט צי זיי האבן געזען אז זיי האבן אוועקגענומען די הצלחה פון די פארלערנען, און געמאכט א ביטול תורה. האט זיי דער מלמד געזאגט, אז ער איז ארויסגעגאנגען צוליב דעם וואס ער איז געווען אין כעס, גערעגט, און ער האט נישט געוואלט גארנישט טון ווילאנג ער איז גערעגט, ממילא איז ער ארויסגעגאנגען צו מאכן ישוב הדעת, און די ישוב הדעת איז געווען, אז יעצט וועט ער ווייטער פארלערנען און זיך נישט וואוסנדיג מאכן, און ווען ער וועט זיין רואיג וועט ער רעדן צו די קינדער. פון אזעלכע מלמדים וואקסט אויף א גדול בדור.

### א קינד פיל מיט מחנכים - אלע מוזן ארבעטן צוזאמען

אין די וועלט פון חינוך היינט-צוטאגס, איז דא פאר יעדעס קינד פיל-צאליגע מחנכים; עס איז דא א טאטע און א מאמע, עס איז דא א מלמד, צומאל צוויי אדער דריי מלמדים, עס איז דא א מנהל און עס איז דא די קינדער אין די כיתה. כדי די קינדער זאלן אויפוואקסן גוט, דארפן ארבעטן צוזאמען די מנהל, מלמד און די טאטע-מאמע. אויב דער מנהל האט איין מהלך החינוך, דער מלמד א צווייטע, און ווער רעדט נאך ווען עס איז דא צוויי דריי מלמדים, האבן זיי עקסטערע מהלכים, דער טאטע און די מאמע האבן עקסטערע מהלכים, און דאס קינד האט אן אנדערע תכונת הנפש - האבן דער מלבי"ם און דער ספר החסידים פארשטאנען, אז דא גייט נישט ארויסקומען דאס קינד וואס מיר ווילן. מען קען נישט נעמען א מענטש און מאכן א קאטשקע... ער האט נאטורן, ער האט א מח, און עס מוז ארבעטן צוזאמען.

בכדי אז ווען דאס קינד וועט עלטער ווערן, זאל עס זאל אין א בחינה פון 'לא יסור ממנה', ער זאל נישט אוועקגיין פון די וועג וואס מען האט אים מחנך געווען, מוז דער מחנך, דער מלמד, דער מנהל, דער טאטע און די מאמע, די פרינציפיל, דער משגיח, דער מגיד שיעור ארויסנעמען זיינע נגיעות, ער קען נישט טראכטן פון זיין פערזענליכע רוגזה אויפ'ן קינד, ער קען נישט טראכטן פון זיין כבוד. און ער דארף דורכרעדן מיט א רב וואס איז די הלכה פון 'לא תונו', ווען מעג מען פארשעמען א קינד און ווען מעג מען נישט, ווען דארף מען שלאגן און ווען מעג מען נישט [אויף וואס מיר האבן שוין געגעבן א באזונדערע שיעור דערויף, מברר צו זיין, אז עס איז גארנישט אזא פשוטע שאלה בהלכה], ער דארף קענען די 'תכונות הנפש' פון יעדע קינד, כדי צו וויסן וואס זענען די נאטורן פון די קינד, כדי איך זאל קענען מחנך זיין א קינד לויט זיינע נאטורן און נישט לויט מיינע נאטורן.

**אינעם קומענדיגן גליון וועלן מיר בעזר ה' ממשיך זיין מיט דעם פרק - די שיעורי חינוך קען מען הערן אויפן ליניע אויף קנעפל: 25**




**צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם מערכת שיקט צו:** gilyonospm@gmail.com

די אידיש מאור הפרשה והמועדים
דברי תורה על פרשיות השבוע מכ"ק אדמו"ר מפנים מאירות דסיקסא שליט"א

# עבודת הקודש של סור מרע

## דווקא דורך סור מרע קומט מען צי צו שלימות

### ביי עניני גשמיות איז נאר די חיצוניות

עס שטייט אין פסוק (פרשת וישלח), וישלח יעקב מלאכים, זאגט רש"י, מלאכים ממש. פרעגט דער ישמח משה, פארוואס האט יעקב אבינו ע"ה נישט געקענט שיקן מענטשן?

זאגט ער א געוואלדיגער יסוד. עס איז דא א חילוק אין די עניני עבודת ה' און אין עניני עולם הזה. אין עניני עבודת ה', זאגט די גמרא (סנהדרין), אז דער הייליגער באשעפער דארף די הארץ פון א מענטש, מען דארף עס טון מיט א ריינע הארץ. עס איז דא א פסוק אין ישעיהו: 'ויאמר ה' יען כי נגש העם הזה בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני ותהי יראתם אתי מצות אנשים מלומדה', ישעיהו הנביא רעדט זיך אפ, אז מען דינט נישט דעם אייבערשטן מיט הארץ, זעען מיר אז ביי עניני עבודת ה', דארף מען האלטן דערביי.

ווידער ווען עס קומט צו עולם הזה, א מענטש דארף פרנסה, ער איז עוסק אין געוויסע עניני גשמיות, ער דארף געראטעוועט ווערן פון א נזק, זאגט דער ישמח משה א הפלא'דיגער לשון, ער זאגט, אז ווען א מענטש איז עוסק אין עניני עולם הזה דארף ער טון נאר 'עשיית חוצי', מען דארף טון השתדלות, אבער עס דארף זיין אינגאנצן חיצוניות און קיין שום פנימיות. בפנימיות דארף ער צו גלייבן, אז נאר דער באשעפער וועט אים העלפן, און ער טוט נאר השתדלות. ווען א מענטש זייעט איין, איז ער כולו חיצוני, בפנימיות גלייבט ער אז דער אייבערשטער גיבט פרנסה, עס קען זיין איך

וועל איינזייען און עס וועט נישט וואקסן, פון וואו וועל איך האבן עסן? פונעם רבונו של עולם!

דאס ענין פון פנימיות, איז נאר אן עבודה וואס א מענטש טוט אין עבודת ה'. אין גשמיות, איז די פנימיות א רוחניות'דיגער און נאר די חיצוניות איז א גשמיות'דיגער.

ווען יעקב אבינו וואלט ווען געשיקט מענטשן, וואלט ער זיך נישט פארלאזט אויף זיי, וואס קען א מענטש טון קעגן עשו? און נישט נאר וואס יעקב אבינו האט נישט גענומען מענטשן וואס מען קען זיך נישט אויף זיי פארלאזן, נאר אפילו ווען ער האט גענומען מלאכים, האט יעקב אבינו מיט דעם געוויזן, אז ער נעמט מלאכים און עס איז נאכאלס נאר חיצוניות, ער פארלאזט זיך נישט אויף זיי.

דאס ענין פון לב איז נאר פאר עבודת ה', פאר גשמיות איז עס נישט נוגע. איך לייג נישט אריין מיינע כוחות אין דעם, די גשמיות'דיגע חלק האט נישט קיין שום שייכות אין מיין הארץ, מיינע מחשבות, מיין התלהבות, איך טו עס נאר ווייל איך מוז עס טון.

עס איז א שווערע עבודה, וויבאלד ווען א מענטש טוט אין רוחניות, קען ער אמאל זאגן, אז ער איז נישט אין די מדריגה. אבער אין גשמיות, ביי די ביזנעס, איז ער פלוצלינג אין די מדריגה. ווען עס קומט צו אמונה, שמחה א.א.וו. איז ער נישט אין די מדריגה... דער ישמח משה דינגט זיך מיט דעם. ווען עס קומט צו די גשמיות'דיגע וועלט, דארף מען זאגן, אז מען האט נישט קיין ברירה, און מען דארף טון השתדלות. ווען עס קומט צו הארץ, איז עס כולו לה', דער אייבערשטער גיבט מיר געלט, איך שטעל ניטאמאל צוזאם די פעולה וואס איך טו מיט מיר. ווידעראום ביי רוחניות, דארט דארף מען די דעת, די מח, מען דארף יא זיין א בעל מדריגה.

### בכדי צו וואקסן א צדיק דארף מען האבן שוועריגקייטן

דער שפת אמת ברענגט (פרשת וישב), רש"י ברענגט א חז"ל, אז יעקב און די שבטי י-ה זענען געווען די עיקר וואס מיט אים האט די תורה הקדושה מאריך געווען, אבער צוצוקומען צו דעם, דארף מען פון פארדעם אויסרעכענען עשו'ס קינדער, אזויווי די עשרה דורות פון נח ביז אברהם. פרעגט ער, פארוואס פעלט עס טאקע אויס? נאכמער פרעגט ער, רש"י ברענגט נאך א משל פון א מרגליות-שטיין וואס איז אריינגעפאלן אין זאמד. מיט וואס איז די משל דומה לנמשל, זענען דען אונזערע אבות אריינגעפאלן מיט די רשעים? און נאך א קשיא פרעגט ער, רש"י זאגט, 'יעקב ביקש לישב בשלוה קפצה עליו רוגזא של יוסף', פרעגט ער, וואס איז די חטא פון וועלן זיצן בשלוה? מען רעדט נישט פון גיין אין א האטעל און זיצן און פארברענגען ביים וואסער... יעקב אבינו האט געוואלט זיצן און שרייבן חידושי תורה, דינען דעם אייבערשטן?

אויף דעם ענטפערט ער, די תורה הקדושה וויל אונז פארציילן, מיט דעם וואס ער איז אזוי מאריך אין די פרשה פון יעקב אבינו בכלל, די תורה איז מאריך מיט יעקב אבינו ביז פרשת שמות מער פון יעדן פון די

אבות, ווייל די תורה הקדושה וויל אונז לאזן הערן, פון וואו קומט אזא יעקב? פון וועלכע הויז קומט ער? פון די אלופי עשו, דארט איז ער אויפגעוואקסן, און דווקא ווייל ער קומט פון אזא הויז איז ער אזוי אויסגעוואקסן, אונז דארפן האבן די אלופי עשו, די רשעים, אז עס זאל קענען אויפוואקסן א יעקב.

טייטשט ער דאס וואס שלמה המלך זאגט: 'טוב ילד מוסכן חכם ומלך זקן כסיל', 'מוסכן' איז א לשון פון צרות, טייטשט ער, 'טוב ילד', פון וואו נעמט א מענטש יונגע כוחות? 'מוסכן' פון צרות, דעמאלס איז 'חכם', דעמאלס קומט ארויס די חכמה פון א מענטש, 'ומלך זקן', מען קען זיין א מלך זקן, אבער טאמער מאכט מען א לעבן, איז מען 'כסיל' א נאר. זאגט ער, יעקב אבינו האט זיך געמוטשעט, אבער פון דעם קומט ארויס א צדיק. נח און אברהם קומען פון עשרה דורות, אבער אויפצואוואקסן א צדיק, דארף מען אויפוואקסן מיט אן עשו.

### מען דארף זיך ארייגלייגן אין די עבודה פון 'סור מרע' בכדי זוכה צו זיין צו מדריגות

דער 'שם משמואל' לייגט צי צו דעם, יעקב ועשו זענען געווען צווילינג ברודער, יעקב ועשו זענען געווען א דוגמא צו די 'עץ החיים' און די 'עץ הדעת'. וואס איז די חילוק צווישן 'עץ החיים' און 'עץ הדעת'? זאגט ער, 'עץ החיים' איז 'עשה טוב', א מענטש טוט בפועל גוטע זאכן, 'עץ הדעת' איז 'טוב ורע' און 'סור מרע'. דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די עץ הדעת, אז אין דעם ליגט 'רע' כדי מען זאל קענען זיין 'סור מרע', ס'איז גרינגער זוכה צו זיין צו מדריגות דורך 'סור מרע' ווי דורך 'עשה טוב'.

אונז טראכטן פארקערט, ווען דער מענטש איז עוסק אין 'עשה טוב', איך שאקל לולב, איך טו אן תפילין, דאס ברענגט שנעל אן התעוררות און א התרגשות. זאגט ער ניין, עס איז אסאך גרינגער צוצוקומען צו מדריגות דורך 'סור מרע' ווי 'עשה טוב'. וויבאלד 'עשה טוב' איז שווער, מען דארף צמצום המח, אן קיין גיאות, און מען דארף האלטן דערביי, אסאך כוחות דארף א מענטש ארײנלייגן אין 'עשה טוב', ווידעראום ביי 'סור מרע' האסט אנטלאפן פון די רע, האסטו שוין געטון דיין עבודה בשלימות.

לכתחילה איז יעקב אבינו געבוירן געווארן מיטן 'עץ החיים' וואס דאס איז ווי געשמועסט 'עשה טוב', ווידער עשו איז געבוירן אזוי ווי די עץ הדעת, מיט אלע מידות רעות, אבער דער הייליגער באשעפער האט געוואלט ער זאל זיין סור מרע, ער האט זיך אבער בוחר געווען צו בלייבן מיט די רע. רבקה האט געזען אז יעקב אבינו איז אינגאנצן 'עשה טוב', האט זי געטראכט: וואס איז די שלימות? וואו גייט ער אנקומען? האט רבקה געזאגט פאר יעקב, אז ער מוז זיך אויך טרעפן מיט די סור מרע כדי צו קענען אנקומען צו מדריגות, ער מוז אלעס אוועקכאפן פון עשו. איז יעקב אבינו געגאנגען אין בית המדרש פערצן יאר ביי שם ועבר, האט ער ווייטער עוסק געווען אין עשה טוב, עס איז נישט געווען קיין נסיון צו טון א רע, אבער אז ער האט געדארפט גיין צו לבן, האט ער אנגעהויבן עוסק זיין אין סור מרע.

**ביי עניני ממונות וואס איז די בחינה פון סור מרע קען מען צוקומען צו חכמה**

די גמרא ברענגט אין בבא קמא (ל.) 'האי מאן דבעי למהוי חסידא, לקיים מילי דנזיקין; רבא אמר: מילי דאבות; ואמרי לה: מילי דברכות'. 'מילי דברכות' איז 'עשה טוב', מען בענטשט דעם אייבערשטן, די גמרא זאגט (ב"ב קעה:) 'הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות שאין לך מקצוע בתורה גדול מהן שהן כמעין הנובע', וויבאלד דאס איז 'סור מרע', דאס איז נסיונות מיט געלט און גשמיות'דיגע ענינים, הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות, 'יחכים' איז דיני ממונות נישט 'מילי דברכה'.

יעקב אבינו איז געווען ביי שם ועבר און ער האט עוסק געווען אין אלע ענינים אויך אין נזיקין, סור מרע, אבער יעצט האט ער געדארפט צוקומען צו זיין שלימות צו סור מרע.

**עשיו גייט אריינפאלן אין די הענט פון יוסף ווייל יוסף איז געווען די בחינה פון 'סור מרע'**

עס שטייט, אז עשו גייט אריינפאלן ביד בניה של רחל. פארוואס ביד בניה של רחל? וויבאלד יוסף'ס עבודה איז געווען 'סור מרע', ער איז געווען אין מצרים, האט ער געדארפט ארבעטן אויף 'סור מרע'. ממילא ווען משיח גייט קומען גייט עשו אריינפאלן אין די הענט פון יוסף.

**שמן זית איז מרמז די עבודה פון סור מרע**

'שמן זית' איז מרמז צו די עבודה פון 'סור מרע', מען האקט די זית, מען דרוקט אים, מען פרעסט אים, און מען איז אים פארנומען צו האקן, דאס ענדיגט זיך מיט שמן זית וואס מען האט גענוצט אין בית המקדש, און פאר אונז איז עס מצוה מן המובחר.

**דורך די עבודה פון סור מרע לייכט דער מענטש**

א איד האט אמאל געגעבן א קוויטל פארן רבי'ן פון לובלין זי"ע, האט דער רבי פון לובלין געגעבן א שפיי. די קומענדיגע טאג האט דער רבי פון לובלין געזאגט אז דער איד לייכט. האט זיך אויסגעשטעלט אז די ערשטע טאג האט ער נאך חנוכה לעכט געשפילט קארטן, און די צווייטע נאכט האט ער געזאגט תורה ביים חנוכה לעכט.

עס איז דא א ווארט פון רבי מענדלע מרימנוב זי"ע, 'ודרך רשעים תאבד', וואס הייסט 'ודרך רשעים תאבד'? זאגט ער, אז די 'דרך רשעים' איז נישט קיין 'דרך' עס איז א בלאטע. אבער פון די מעשה פון דער רבי פון לובלין זעט מען א הפלא'דיגע זאך פון סור מרע, ער האט געצינדן די מנורה די ערשטע נאכט, דאס איז געווען 'עשה טוב', אבער ער איז נישט געווען 'סור מרע' האט ער נישט געלאכטן, די צווייטע נאכט איז ער געווען א 'סור מרע' אויפ'ן פלאץ, אז ער האט עוסק געווען אין עשה טוב און סור מרע, האט די פנים געלאכטן.

**די עבודה פון סור מרע קען ברענגן יאוש אבער נאר אזוי קען מען צוקומען צו שלימות**

עס איז געווען אמאל א בחור וואס האט זיך געוואלט דורכרעדן מיט'ן סטייפלער, סוף ימיו - דער סטייפלער האט נישט געהערט סוף ימיו, מען פלעגט אים שרייבן צעטלעך און ער האט געענטפערט. דער בחור האט געשריבן אז עס איז געקומען חודש אלול און ער האט זיך פארגענומען קבלות טובות אויף סור מרע, בעניני שמירת עינים, ער האט געהאט א פיינע אלול און תשרי, עס איז געקומען חשון, ער האט געהאט א דאקטאר אפוינמענט און ער איז דורכגעפאלן, און ער איז זייער צעבראכן, ער שפירט אז די גאנצע עבודה פון די הייליגע טעג איז אוועקגעפאלן.

דער סטייפלער האט אים געפרעגט: האסט א גאנצע וועג געקוקט, אדער, האסט זיך אביסל איינגעהאלטן און אביסל געקוקט, האסט זיך געשלאגן מיט זיך אליין נישט צו קוקן?!

דער בחור האט אים געענטפערט: אוודאי האב איך מיר פרובירט איינצוהאלטן!

האט ער אים געזאגט: דו ווייסט? מיט יעדע התגברות האסטו מקיים געווען 'ויראת מה' אלוקיך', 'ונקדשתי את בני ישראל', 'ואהבת את ה' אלוקיך', אוודאי דארפסטו תשובה טון, אוודאי דארפסטו זיך קלאפן 'סלח לנו', אבער דו קוקסט נישט מיט'ן ריכטיגן בליק...

די עבודת הקודש פון 'סור מרע' איז א שווערע עבודה. סור מרע ברענגט אונז יאוש, נישט די עשה טוב ברענגט אונז יאוש. ווען א מענטש דאווענט שמונה עשרה, איז ער מקיים די קום ועשה, אבער ווען ער האט מחשבות וואס ער טראכט אהער, און ער טראכט אהין, און עס שטערט אים די דאווענען, און ער ווערט צומישט פון די דאווענען, דארף ער צוקומען צו א שווערע עבודה פון סור מרע, אבער די שווערע עבודה דאס איז ריכטיגע מדריגות, דארט קומסטו צי צו שלימות.

אבער די עבודה פון 'סור מרע' איז אונזער עבודה, יעקב קומט פון אן עשו.

## יעקב'ס עבודה פון סור מרע

אונז האבן געזאגט א מילתא דבדיחותא. יעקב אבינו האט געמאכט צוועלף ברית'ן, שלום זכר און וואכנאכט, ווער איז געקומען צו די אלע שמחות? לבן און זיינע קינדער... ס'איז נישט קיין קשיא, פון דעם קומט ארויס יעקב אבינו... עשו, איך האב נישט מורא פון דיר! נאך א סור מרע און נאך א סור מרע... אזויוי מיר האבן איבערגעזאגט פונעם ישמח משה, ער האט אים געשיקט מלאכים צו ווייזן אז ער פארלאזט זיך אויך נישט אויף מלאכים.

## חנוכה דארף מען צוקומען צו אויפהערן צו לויפן אין די גשמיות'דיגע וועלט

רבי משה לייב סאסוב'ער זי"ע פרעגט, די גמרא זאגט, אז די מצוה פון נר חנוכה איז 'עד שתכלה רגל מן השוק'. פארוואס זאגט נישט די גמרא א נארמאלע שיעור, פארוואס שטייט נאר א סימן, פארוואס דארף מען קוקן אין שולחן ערוך און רש"י ווילאנג ס'איז?

ענטפערט ער, די טבע פון א מענטש איז, אז ער וויל מאכן פרנסה, ער איז קיינמאל נישט צופרידן, ער פרובירט אייביג צו מאכן מער געלט. ממה נפשך, טאמער איז געלונגן די ערשטע דיעל, דארף ער פרובירן די

צווייטע דיעל, טאמער איז עס נישט געלונגען, מוז ער זיכער זוכן א צווייטע דיעל...

ביי די פך השמן האט דער הייליגער באשעפער געוויזן עפעס אנדערש. וויבאלד דער רבונו של עולם וואלט געקענט מאכן, אז מען זאל טרעפן אויל פאר א גאנצע יאר אדער פאר פינף יאר, דערווייל איז די נס געווען, אז מען האט געטראפן פאר איין נאכט. פארוואס? וויבאלד דער רבונו של עולם וויל, 'עד שתכלה רגל מן השוק', אז מען זאל נישט זיין פארנומען צו לויפן אין די גאס, הערטס אויף לויפן אין די גאסן אזויפיל, זייץ אין בית המדרש און דין דעם אייבערשטן, אזוי וויא מען זעט ביי די נס חנוכה, א קליינע פך שמן האט געברענגט אזא געוואלדיגע השפעה, פאר אכט טעג האט עס געברענגט א גאנצע נאכט.

וויבאלד אונז דארפן וויסן אז גשמיות איז א חיצוניות, אונזער עבודה, אונזער פנימי, איז עבודת ה'. אפילו ווען איך טו א גשמיות'דיגע זאך, ווייס איך אבער, אז אינעווייניג, אלעס איז פון דעם רבונו של עולם. די מצוות נר חנוכה דארף ברענגן אזא אור, אז 'שתכלה רגל מן השוק', אונז זאלן אויפהערן זיך דרייען אין די גשמיות'דיגע וועלט, אונז זאלן זיך אנהייבן דרייען אין די רוחניות'דיגע וועלט.

## די תכלית החיים איז לעבן נאר פארן באשעפער

איינמאל ווען רבי אליעזר'ל פון דזשיקוב זי"ע איז נישט געווען געזונט, ווען דער צאנזער רב זי"ע איז אים געקומען באזוכן, האט ער אים געבעטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר אים. האט אים דער צאנזער רב געזאגט: איך זאג אייך עס וועט אייך גארנישט פעלן דארט אויבן! האט ר' אליעזר דזשיקוב'ער געזאגט, אז ער דארף נאך חתונה מאכן די קינדער. האט דער צאנזער רב געזאגט, אז ער גייט חתונה מאכן די קינדער. האט ער אים געזאגט, אז ראש השנה און יום כיפור ווען ער טאנצט 'אין קצבה', טאנצט מיט די גאנצע פמליא של מעלה, ווער גייט טאנצן 'אין קצבה' אויב ער לעבט נישט? האט אים דער צאנזער רב געזאגט, אז ער איז גערעכט, און ער האט אים אנגעוואונטשן אז ער זאל ווייטער לעבן.

דאס איז א הפלא'דיגע מעשה, דאס ווייזט וויאזוי צדיקים האבן געטראכט פארוואס לעבט א איד, חתונה צו מאכן קינדער? קיינער גייט נישט חתונה מאכן די קינדער אויב דו לעבסט נישט? אויב יעדע איד לעבט חתונה צו מאכן די קינדער, האלב פון די ארגעניזאציעס זענען איז אראפ פון טיש... אונז לעבן נישט פארדעם, מתחילה ועד סוף, לעבן אונז פנימי, דורך און א דורך פאר'ן הייליגן באשעפער, דאס איז אונזער תכלית.

## די אבות הקדושים האבן זיך נישט דערשראקן פון מניעות

ר' משה קאברינער זצ"ל האט געזאגט אויף די פסוק 'ותמנה היתה פילגש לאליפז בן עשו', חז"ל זאגן אין סנהדרין דף צ"ט, אז תמנה איז געגאנגען צו די אבות הקדושים און מען האט איר נישט אנגענומען, איז זי געגאנגען צו אליפז. זאגט ער, וואס איז 'תמנה'? תמנה איז טייטש 'צוריקהאלט'ן 'מניעות'. די אבות הקדושים האבן אוועקגעשיקט די מניעות, קענסט פרובירן

אלע וועגן, אונז גייען בלייבן דינען דעם אייבערשטן. האבן די מניעות געטראפן א פלאץ ביי עשו, עשו האט נישט געהאלטן ביים דינען דעם אייבערשטן, עשו האט נישט געהאלטן ביים ארבעטן אויף 'סור מרע'.

## לגבי עבודת ה' דארף מען זיך באניצן מיט גאווה דקדושה

לייגט ר' משה קאברינער צי. יוסף הצדיק האט געזאגט פאר פוטיפר, 'איננו גדול בבית הזה ממנו, ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת', זאגט ער, עס איז א שיינע תורה פון 'סור מרע', אבער עס איז גרינגער צו רעדן ווי מקיים זיין, אזויווי אונז האבן שוין פריער גערעדט, דער יצר הרע גיבט אריין די מחשבות פון "איך בין נישט אויף די מדריגה", זאגט ר' משה קאברינער, אזא צייט דארף א מענטש זיין א בעל גאוה און זאגן 'איננו גדול בבית הזה ממנו', ער זאל זיך האלטן גרויס ווען עס קומט צו מניעות, ווען עס קומט צו זיין א בשמחה'דיגער איד, דעמאלס זאלסטו זאגן 'איננו גדול ממנו בבית הזה', א מענטש דארף אין אזא צייט זיין א בעל גאוה, ווי פאסט פאר אזא גרויסער מענטש ווי מיר צו טון אן עבירה?

## יעדער איד האט זיין ספעציעלער תפקיד וואס אן דעם איז די וועלט נישט שיין

עס איז געווען אין אמעריקע א ראש ישיבה, ער האט געעפנט א ישיבה אין די שטאט, עס איז געקומען אין די זומער, האט מען געדארפט גיין אין א קאנטרי. האט מען געקויפט א קאנטרי. דארט האט מען אויפגעשטעלט דירות פאר די יונגעלייט, פלאץ צו שלאפן, און א בית המדרש. מען קומט אריין אין קאנטרי, און דער ראש ישיבה טרעפט אן אמעריקאנער איד זיצט און לערנט בהתמדה רבה, מען האט אבער געקענט דערקענען אויף אים אז ער איז א בעל תשובה א.ד.ג., ער איז געגאנגען כאפן א שמועס מיט אים, ער האט אים געזאגט, אז ער איז טאקע נתקרב געווארן צו תורה נאר לעצטנס, און ער דערציילט אים, אז ער האט ליידער יענע מעשה ל"ע, און די דאקטוירים האבן געהויבן די הענט, האט ער זיך צוגעצויגן צום בית המדרש.

האט ער אים געפרעגט: דו האסט דאך אזעלכע פחדים, אזעלכע שרעק, דו האסט בכלל א קאפ צו זיצן און לערנען? פרוביר צו טרעפן א צווייטע שפיטאל... זאגט ער: די מתיקות וואס ער האט זייט ער לערנט גמרא, האט ער נאך קיינמאל נישט געפילט, און וויבאלד ער איז אזוי איבערגעשטרענגט, נעמט ער זיין זיסטע זאך אין לעבן - די גמרא.

אונז שרייען 'איך האב נישט קיין געדולד', 'איך קען זיך נישט מצמצם זיין', ווען איך זעץ מיר אראפ ווער איך מיד', 'איך פארשטיי נישט וואס איך רעד'... און דא זיצט א איד, אז ער האט יענע מעשה ל"ע, און ער זוכט צווישן אלע תאוות וואו זיך צו בארואיגן, האט ער געטראפן די גמרא.

ער זיצט און לערנט יעדן טאג, ער פרעגט דעם א טייטש ער פרעגט דעם א ווארט, איין טאג טרעפט אים דער ראש ישיבה טרויעריג, פרעגט ער אים, וואס גייט פאר? האט ער געענטפערט פארן ראש ישיבה: עס זיצן דא מגיד שיעורים און בחורים און זענען זיך מפלפל און מען זיצט און מען לערנט, מען ענדיגט מקצועות, מען ענדיגט מסכת, ער

זיצט שוין פיר וואכן און לערנט, און ער איז אנגעקומען בלויז א בלאט... ער זאגט: ער האט שוין נישט קיין ווערד ביים אייבערשטן.

ענטפערט אים דער ראש ישיבה מיט א מעשה. עס איז געווען אן איטאליענער גוי, ער איז געווען פון די גרעסטע זינגערס אין די גוי'אישע וועלט, עס איז געקומען צום צווייטן וועלט קריג, די איטאליענער האבן געמאכט א יד אחת מיט די דייטשן, ער איז געווען א ציוויליזירטער גוי, ער איז אנטלאפן קיין אמעריקע, ער וויל נישט זיין אין קיין לאנד וואס מאכט א יד אחת מיט די דייטשן.

אמעריקע האט אים אויפגענומען בשתי ידים, מיליאנען גוים האבן זיך צוזאמגענומען צו זיינע צוזאמקומען, ער האט געלעבט ביז די 89 יאר, בערך ביי די 80 האט ער שוין נישט געהאט קיין כח צו זינגען, ער איז געבליבן אינדערהיים.

אין די גוי'אישע וועלט גייט עס, אז ווען א באקאנטער מענטש רעטייערט, מאכט מען א ביכל פון אים. איז געקומען איין שרייבער, זיך אראפגעזעצט מיט אים מאכן זיין ביכל. איין טאג פרעגט ער אים: "איך קען מארגן אריבערקומען?!".

זאגט ער אים: ניין, ער קען נישט מארגן אריבערקומען. פרעגט ער: "וואס איז מארגן?". האט ער געענטפערט, אז מארגן גייען זיינע תלמידים שפילן ביי א גרויסע צוזאמקום, און ער וויל עס מיטהאלטן אויפ'ן טעלעפאון, ער קען טאקע נישט גיין, ער איז שוין אלט, אבער ער וויל זען זיין נחת.

האט דער שרייבער געזאגט, אז ער וויל אויך קומען זען, האט ער אים געזאגט: "דו האלטסט אין איין רעדן, וועסט מיר האקן אין קאפ, איך דארף צמצום!". האט אים דער שרייבער צוגעזאגט, ער גייט נישט רעדן, און ער האט אים געלאזט קומען.

ער קומט אריבער די אנדערע טאג, און ער הערט אויס די זינגערס מיט א צמצום המח, און ער קוועלט נחת.

ווען מען האט געענדיגט זינגען, האט דער שרייבער אים באגאסן מיט קאמפלימענטן. אבער דער אלטער זינגער האט עס אוועקגעמאכט, און מסביר געווען, אז עס איז געווען נאר פערצן פידלען און נישט פופצן...

שרייבט דער שרייבער, אז דער אלטער הערט נישט גוט, ווער זאגט אז ער הערט וואס מען זינגט, מען הערט אפילו נישט די חילוק צווישן פערצן און פופצן...

ער האט אבער דאך געוואלט מברר זיין, האט ער גערופן די פירער פון די פלאץ, און אים געבעטן, אז ער זאל אים מברר זיין צי עס איז געווען אלע פופצן פידלען. ער איז צוריקגעקומען זאגן, אז ניין, עס איז טאקע נאר געווען פערצן.

האט אים דער שרייבער געפרעגט: "פון וואו האסטו דאס אויפגעכאפט?" זאגט אים דער זינגער, אז ער האט פארגעשריבן די נאטן, און ער האט געמאכט די ניגונים די זעלבע, אבער די נאטן האט יעדער איינער געהאט אן עקסטערע קנייטש. ממילא האט ער אויפגעכאפט אז איין נאט וואס ער האט צוגעגרייט איז נישט געזינגען געווארן.

זאגט דער ראש ישיבה פאר דעם איד, אז ער האט נישט געוואוסט פארוואס ער האט עס געליינט, וואס האט ער מיט גוי'אישע זינגערס? אבער יעצט פאלט מיר איין א מורא'דיגע רעיון! דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט, און ער האט באשאפן יעדער מענטש אויף די וועלט. און פאר א נשמה קומט אראפ אויף די וועלט גיבט ער נאטן. דאס איז זיכער, אז יעדער איד דארף היטן די תורה, אבער וואס איז די שוועריקייטן צוצוקומען דערצו, דארט איז שוין דא נאטן, איינער איז מעלה איינער איז מוריד.

האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון דעם איד: ווען א רייכער איד מאכט חתונה, און ער רופט אכציג כלי זמר, און איינער דארף אנפירן די טענער. ער טראכט אז איינער וועט פעלן וועט גארנישט זיין... יעדער פארשטייט אז ער וועט קאליע לייגן די גאנצע זאך. די זעלבע זאך - זאגט ער - אז יעדער איד האט נאטן וואס דער הייליגער באשעפער האט אים געגעבן.

דער אייבערשטער האט א שיינע וועלט ברוחניות ובגשמיות, אבער נאר טאמער יעדער טוט מיט זיינע נאטן, זיין תפקיד, מיט אלע מניעות, מיט אלע שוועריקייטן, אבער ווען איינער וויל יענעמ'ס, ער וויל אויסלאזן זיינס איז די וועלט נישט אזוי שיין. יעדער האט זיין תפקיד. די שיינקייט, די לעכטיגקייט, די געשמאק פונעם אייבערשטנ'ס וועלט איז, מיט אלע נאטן צוזאמען.

דער אייבערשטער, דער 'מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית', וואס אונזער תפקיד החיים אויף די וועלט איז נאר צו מאכן א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן, טאמער עס פעלט איינע פון די נאטן, א איד איז נישט צופרידן, מאכט ער נישט שיין די וועלט.

אונז האבן א סידור און א מחזור, וואס דארט שטייט וואס מען דארף דאווענען אינדערוואכן שבת און יום טוב, איין טאג קומט א איד אן שפעט צום דאווענען, ער טראכט: "עס שטייט נישט אין די תורה אז מען זאל זאגן קרבנות, היינט וועל איך עס אויסלאזן, עס וועט עפעס געשען?!"... ער האט אבער א גרויסע טעות, וויבאלד עס גייט פעלן איינע פון די נאטן.

ווען א איד איז מיד און ער לערנט גמרא, ער גייט נישט שלאפן אן לערנען, ער לערנט דעם חוק, ער זאגט אביסל אותיות. האט ער נישט קיין אהנונג וואס ער האט אויפגעטון, ער האט צוגעענדיגט די נאטן פון די ניגון. דאס דארף א איד צו וויסן, אז זיין תפקיד אויף די וועלט, קען קיינער נישט מאכן.

עס זענען דא מענטשן וואס ווערן צובראכן פארוואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן א נסיון. וואס איז די שאלה? עס איז א חלק פון די נאטן.

### יעדער מענטש האט זיך אליינס בוחר געווען זיין עבודה

עס איז אריינגעקומען צו מיר א איד, ער האט זיך אויסגערעדט זיין הארץ, ער איז צעבראכן, דער הייליגער באשעפער האט אים באשאפן מיט הגבלות אין זיין גוף, אלעס אין לעבן איז פיין, אבער אביסל גייט אים עס שווער. ער איז אבער נישט צופרידן, ער האט

אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, אבער ער איז נישט צופרידן.

איך האב אים געענטפערט אביסל שרעקעדיגע ווערטער, איך האב אים געזאגט: איך האב געפרעגט די בית דין של מעלה וואס איך זאל אים ענטפערן, האבן זיי מיר געזאגט, אז ער קען צוריקקומען, טאמער איז ער נישט צופרידן, קען ער צוריקקומען... האב איך אים געפרעגט: וואס ער וויל? טון זיין תפקיד, אדער, צוריקגיין אויבן?! ער האט גלייך צוריקגעצויגן... זאג איך אים: זעסט דאך אז דו האסט עס אליינס בוחר געווען!

יעדע נשמה פאר עס קומט אראפ אויף די וועלט גייט מען דורך מיט אים זיין תפקיד, און ער איז זיך אליין בוחר אז ער קען עס טון. אונז וויסן דאס נישט, אונז געדענקן דאס נישט.

**אפילו די מכשולות איז די רצון ה' אבער דער באשעפער וויל עס זאל באדערן**

עס זענען דא מענטשן וואס טראכטן, ספעציעל ביי רוחניות'דיגע נסיונות: פארוואס מוטשע איך מיר? וואס טו איך אויף?

עס איז דא א בריוו פון אונסדארפער רב ביי די ערשטע וועלט קריג, צו איינער וואס פרעגט אים, אויף די דעמאלסדיגע שווערע נסיון, אז די יונגע מענער האבן געמוזט גיין געצוווינגענערהייט דינען אין די מיליטער, וואס דארט האט מען באונס געמוזט מחלל שבת זיין רח"ל. האט דער שואל געפרעגט: מען דארף טאקע יעדע זאך מקבל זיין באהבה, אבער וויאזוי קען מען מקבל זיין באהבה, ווען עס איז געבינדן מיט חילול שבת?

די יסוד פון די תשובה איז: יא, דער רבונו של עולם וויל יעצט דיין חילול שבת, אבער ער וויל נישט אז דו זאלסט מאכן א סעודת שבת, און זיך שפירן גוט מיט די חילול שבת, ניין ער וויל די קרעכץ פון נאכדעם.

ווען א איד האט צער אויף זיין רוחניות, זאגט דער הייליגע באשעפער, קוק ווי געטריי מיינע קינדער זענען, אז זיי ווילן מיר נישט מצער זיין און זיי קרעכצן.

**אויף 'עבר' דארף מען ניצן 'אמונה'**

עס איז א הפלא'דיגע חיזוק, אז יא! אונזערע נסיונות ברוחניות, דער רבונו של עולם וויל טאקע נישט אונז זאלן טון עבירות, אבער 'עבר' איז 'אמונה', א דורכפאל ברוחניות איז רצון ה', מען טאר נישט אזוי טראכטן פארדעם, וויבאלד אין די תורה שטייט 'ובחרת בחיים', אבער אויף 'עבר' דארף מען אזוי טראכטן.

**חנוכה ווייזט אז אין די חושך איז דא די אור**

דאס איז מצוות נר חנוכה. ביינאכט, סוף חודש, אינעם גלות, בחשכות, יא דארט איז די אור, פארוואס נישט פארקערט? ניין, דאס איז די עבודה פון די חנוכה.

עס איז דא א הפלא'דיגע ווארט פונעם קאברינער זצ"ל: אז א מענטש איז נישט געזונט, האט ער נישט קיין אפעטיט צו עסן, דער דאקטאר גיבט אים מעדעצינען, אז ער זאל קענען עסן. ער קען שוין עסן. אבער איין טאג טראכט ער, אז די מעדעצין האט דאך געמאכט אז ער זאל קענען עסן, קען ער דאך עסן דירעקט די מעדעצין. יעדער ווייסט אז א

שוטה טראכט אזוי. די זעלבע זאך איז מיט רוחניות. א איד פילט נישט גוט, מען פילט נישט קיין טעם אין רוחניות, האט דער דאקטאר, דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון נר חנוכה, אז ווען מען פילט נישט גוט, עס איז טונקל, עס איז אראפגעלאזט, נעם די נר מצוה ותורה אור.

די גרעסטע מדריגה וואס א איד קען צוקומען איז, ווען ער האט א נסיון פון 'רע' און ער אנטלויפט פון 'רע', דאס ברענגט אונז די תורה.

ר' משה טשאקאווער זאגט: עס שטייט אין פסוק ביי מכת חשך 'ולכל בני ישראל היה אור במושבותם'. א מענטש קען האבן א שיינע דיאמאנט, אבער ער קען עס נישט אויפהענגען אויפ'ן וואנט, עס דארף זיין אין א שיינע רינגל אז מען זאל זען די שיינקייט. זאגט ער 'ולכל בני ישראל היה אור', אלע אידן לייכטן, אבער מען דארף זען אז די 'מושבותם' זאל זיין לעכטיגער, זע אז עס זאל ליגן אין א שיינע האלטער.

**ווען מען איז ווארעם צו עבודת השם האט מען הנאה פון די שווערינקייטן**

עס איז געווען אן ארעמאן וואס איז געגאנגען נאך געלט, און ער האט באקומען דא א פרוטה און דארט א פרוטה. איין טאג קומט ער אן צום עושר און ער טרעפט אים אין שוויץ, און ער זעט אן ארעמאן קלאפט דעם עושר אין רוקן. דער ארעמאן זעט אז דער עושר איז זיך מחיה מיט די קלעפ. דער ארעמאן זעט אזא איינפאל, ער קלאפט דעם עושר אין רוקן, און דער עושר האט זיך אויפגערעגט. ער האט נישט געקענט פארשטיין, וואס ער וויל פון אים?...

האט דער עושר אים מסביר געווען, אז די קלאפן אן די שוויץ איז גארנישט ווערד.

זאגט דער ריי"ץ פון ליובאוויטש זצ"ל, אז ווען א איד איז קאלט אין עבודת ה' טוט וויי די קלאפעס, אבער ווען א איד איז ווארעם צום אייבערשטן, פילט ער די קלאפעס ווי אין א שוויץ.

**מען דארף שטארק ארבעטן צו מקבל זיין די רצון ה' און זיך נישט דארפן דערמאנען דערפון**

א חסיד פון דער בעל התניא זי"ע, איז געקומען פון א מתנגד'ישע שטאט, ער איז צוריקגעקומען פונעם בעל התניא, און זיין טאטע א מתנגד האט אים געפרעגט, וואס ער האט געטון ביים בעל התניא. האט ער אים געזאגט, אז ער האט געארבעט אויף די 'ביטול היש', האט עס די טאטע אוועקגעמאכט און געזאגט, אז ער האט עס געלערנט אין ראשית חכמה.

האט דער זון אונטערגעשטעלט אז איינער זאל גיבן א שטופ פאר די טאטע אין מקוה. ווען דער טאטע איז אהיימגעקומען פון מקוה האט ער דערציילט פאר זיין זון, אז איינער האט אים געוואלט גיבן א שטופ אין מקוה, ער האט זיך געוואלט אויפרעגן, אבער ער האט זיך דערמאנט פון ראשית חכמה, האט ער זיך נישט אויפגערעגט. האט אים דער זון געזאגט, אונז חסידים האבן אזא ביטול היש, אז אונז ווילן זיך ניטאמאל אויפרעגן...

אונזער עבודה איז, אונז דארפן האבן אזא אהבת ה' און אן אהבת ישראל, זאל מען זיך נישט דארפן דערמאנען פון די ראשית חכמה, מען זאל שוין האבן געדענקט די ראשית חכמה.

ווען א איד לייגט אריין א שטארקע עבודה צו מקבל זיין די רצון ה', דארף ער זיך נישט דערמאנען פון די ראשית חכמה, ער געדענקט עס שוין.

ווען דער יסוד העבודה פון סלאנים זצ"ל איז אוועק פון די וועלט, איז געווען א מחלוקה צי עס זאל איבערנעמען רבי משה מרדכי אן אייניקל, אדער דער דברי שמואל. איז געווען א חסיד א בעל רוח הקודש, וואס האט מחליט געווען אז דער דברי שמואל זאל איבערנעמען. האט ער מסביר געווען פשט, די סדר אין סלאנים איז געווען אז ערב שבת חנוכה האט מען געדאווונט מנחה, און מען איז אהיים צינדן חנוכה לעכט, און מען איז צוריקגעקומען זען ווי דער רבי צינדט די חנוכה לעכט.

איין יאר ערב שבת חנוכה, מען האט געענדיגט דאווענען מנחה, ער קומט אהיים און וויל צינדן אין די אנגעגרייטע מנורה, האט ער געזען, אז די קינדער האבן איבערגעדרייט די מנורה, און ער האט שוין נישט געהאט קיין צייט אנצוגרייטן פונדאסניי די מנורה, און צינדן פאר שבת, האט ער געגעבן געלט פאר א צווייטער איד, זיך משתתף צו זיין מיט זיינע לעכט, און עס האט נישט אויסגעזען ווי עפעס איז געשען בכלל. זאגט ער, אז די התגברות פון זיך נישט אויפרעגן, די רואיגקייט, די עבודה, אזא רבי דארפן אונז האבן.

ווען מיר האבן געזען די מעשה, האבן מיר עס צוזאמגעשטעלט מיט נאך א מעשה. עטליכע עשירים האבן אמאל גערופן דעם דברי שמואל אין דין תורה, פארוואס ער פייניגט זיי פאר געלט. אינמיטן דין תורה האט מען אים באוואשן, און ער האט געדארפט דאווענען מנחה, ער האט געדאווונט מנחה מיט אזא רואיגקייט, כאילו ער מאכט יעצט חתונה א קינד.

די נר חנוכה איז די ענין פון 'סור מרע', די ענין פון 'משתשקע החמה', מען ברענגט אונז שווערע נסיונות אין חנוכה, די חנוכה פארטי', די מיידל וויל גיין דארט, די יונגל דארט, דער טאטע וויל גייט דארט, די מאמע דארט, און מען דארף זיך דורכקומען, און ביים חנוכה פארטי' איז דא איינער מיט א סמארטפאון, איינער וואס שיקט נישט אין די ערליכע מוסדות...

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, אז אין זכות פון די אלע צדיקים וואס מען האט דערמאנט, זאל מען זוכה זיין צו די אור הגנוז און צו ביאות המשיח, במהרה בימינו אמן.

**לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:**

**gilyonospm@gmail.com**